# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויקרא תשפ"ה שנה י | גליון מס' 576

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

## רזי אמונים

### רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### א 'קרבן' איז די זעלבע יחוד ווי אן 'אמן'

**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם" (א ב)**

**שרייבט דער הייליגער אמסטערדאמער רב רבי אלעזר רוקח:**

אז מען וועט מאכן א חשבון וויפיל פרקים איז דא אין משניות קדשים וועט מען מגלה זיין אז עס איז איין און ניינציג פרקים. דאס איז א רמז אז ווען א איד איז מקריבן א קרבן ווערט נתייחד די זעלבע יחוד ווי די שמות הוי"ה ואדנות ווי עס איז דא ביי אמן.

אויך אין דערווארט 'קרבן' איז דא א רמז - עס איז מרמז אז דורך די קרבן ווערן זאכן מקורב און מאוחד צוזאמען.

בדרך רמז איבער דער שייכות פון 'אמן' מיט א קרבן לייגט צו רבי משה דוד וואלי א תלמיד פון דער רמח"ל אז מערערע מאל טרעפט מען אין די תורה אז ביי א קרבן שטייט "אִשֶּׁה". ווען עס שטייט "אִשֶּׁה" איז עס א רמז אז מיט די קרבן איז אויך געקומען א "מנחה" און א "נסך".

ווען מען ווען רעכענט צוזאמען אלע דריי זאכן "אשה, מנחה, נסך" קומט מען אן צו די ווארט "אמן".

דאס איז א רמז אז ווען א איד מקריב א קרבן מאכט ער די זעלבע יחוד ווי ער מאכט ביי אן אמן.

'מעשה רוקח' פתיחה לשיתא סדרי משנה אות ז;
'שבטי י-ה' [לרמ"ד וואלי] במדבר כח יא

### ברענגט פון אייך 'מאה ברכות'

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם" (א ב)**

א שיינער רמז איבער די גרויסקייט פון מאה ברכות זאגט דער גאון **רבי חיים פלטיאל מבעלי התוספות** פון די וואכענדיגע סדרה:

ער ווייזט אן אז די ווארט "מכם" - באטרעפט מאה. דאס איז א לימוד אין די תורה אז ווען א איד וועט יעדן טאג מקריב זיין "מכם" מאה ברכות וועט עס זיין ווי א "קָרְבָּן לַה'" - און עס וועט זיין מער רצוי ומקובל ווי דעם ווי דער פסוק פירט אויס: "מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן".

דער אפטער רב דער בעל אוהב ישראל לייגט צו דערויף אז מיר וויסן אז הקב"ה האט נישט קיין צורך אויף קרבנות ווי דער פסוק אין תהלים זאגט (תהלים נ יג): "האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה" און אז די גאנצע מטרה פון די קרבנות איז נאר ממשיך צו זיין שפע טובה וברכה פאר די וועלט דורך וואס מען איז איר מקריב אבער מען קען אויך ממשיך זיין די זעלבע שפע דורכ'ן זאגן מאה ברכות און אז די משיכת השפע פון די מאה ברכות איז מער רצוי ומקובל פאר הקב"ה מער ווי די משיכה דורך א קרבן.

די בחינה איז מרומז דא אין די פסוק. עס שטייט: "אדם כי יקריב מכם" - א מענטש וואס ווייסט ווי אזוי מען איז ממשיך א שפע פון השפעות טובות דורכ'ן זאגן "מכם" ברכות איז עס ווי א "קרבן לה'" און הקב"ה האט פון דעם מער נחת רוח ווי די בהמות, ווי דער פסוק פירט אויס, "מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן".

'פירושי התורה לרבי חיים פלטיאל'; 'אוהב ישראל' פרשת פנחס

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### משנכנס ניסן מרבים בעניית אמן

פון די גרעסטע יסודות פון דער יום טוב פסח איז איינצופלאנצן די נושא פון אמונה ביי אונז און ביי אונזערע קינדער. מיט זיין גרעניצלאזע מידת החסד און אהבה צו כלל ישראל האט הקב"ה אין דעם חודש משנה געווען די טבע ספעציעל פאר דעם כלל ישראל און ער האט עס געטון מיט דער איינצעלער ציל אז כלל ישראל זאל איינבאקן די אמונה אין אירע הערצער.

פסח איז די יום טוב פון אמונה אבער די עבודה פון זיך מחזק זיין מיט די אמונה הייבט זיך שוין אן פון ראש חודש ניסן. גענוי ווי ביי חודש אדר איז דער גאנצער חודש א חלק פון די שמחה און פון ווען אדר גייט אריין איז מען מרבה בשמחה איז די זעלבע אויך ראש חודש ניסן, פון ראש חודש אן איז מען מחזק די אמונה אין אונז און אין אונזערע קינדער.

מען איז מחזק אין די אמונה דורך די התבוננות אין די מעשי הנס אבער אויך מיט די 'אמן' ווייל דער רבינו בחיי [שמות יד. לג] זאגט אז דער עיקר זאך פון 'אמן' איז משריש צו זיין די אמונה אין אונזערע הערצער.

דער געבינדענקייט פון 'אמן' צו 'אמונה' און אז עס האט אין איר א כח איינצווארצלען די אמונה טרעפן מיר אויך אין דער מגלה עמוקות [פרשת ואתחנן] ער דרוקט זיך אויס בזה הלשון: "עיקר האמונה תלויה בעניית אמן".

מען שטארקט די אמונה ביי אונז און ביי אונזערע קינדער, אבער אז עס זאל זיין שטארק ביי די קינדער, דארף עס ערשט זיין שטארק ביי אונז, ווייל נאר אז עס איז שטארק ביי אונז, וועלן מיר עס קענען איבערגעבן ווייטער פאר די קינדער.

צו מחזק זיין די אמונה וועלן מיר גלייך ביים אנהייב פון חודש ניסן פארשטערקערן אונזער 'אמן'.

א שיינער רמז איבער די קשר פון 'אמן' צו חודש ניסן איז דא אין דער פסוק וואו מען רעדט ארום איבער די מצוה פון חודש.

דארטן דרוקט זיך אויס די תוה"ק מיט די ווערטער אז חודש ניסן איז "ראשון הוא לכם" און די סופי תיבות פון "ראשון הוא לכם" איז 'אמן'.

דער קשר צווישן ניסן און 'אמן' גלייך ביים אנהייב פון די ציווי פון די מצוה פון ראש חודש און צו הייליגן די מצוה פון 'אמן' איז א רמז איבער די חשיבות פון די 'אמן' און אז אין דעם חודש דארף מען זיך שטארקן אין איר מער ווי אלעמאל ווייל די חודש איז די חודש פון אמונה און דער 'אמן' איז די יסוד האמונה.

לאמיר פארשטיין אויפ'ן רמז און זיך פארנעמען ביים אנהייב חודש אז מיר גייען זיך שטארקן אין דעם און מקפיד זיין אויף איר מער ווי אייביג. אז מיר וועלן זיך פירן אזוי וועט מען זוכה זיין צו די סגולה וואס די חודש האט, אז עס איז 'החודש אשר ישועות בו מקיפות' אז מיר זאלן זוכה זיין צו זען ברכה וישועה אין אלע ענינים אין זכות פון די אמונה.

**מיט א קריאה**
**פון "ראשון הוא לכם"**

**שבת שלום**

יעקב דוד מארמארשטיין

ברכות השחר כהלכה
בקול בכונה בחברותא

## א וועכענטליכע מעשה איבער אמן און תפילה

# — א ווייינגארטן קול —

**די פאלגענדע געשיכטע דערציילט דער חשובער רב פון די מוסדות התורה אין 'מגדל העמק' הגאון רבי יצחק דוד גראסמאן שליט"א.**

**די מעשה, ווי איר וועט זען, איז נישט קיין געווענליכע געשיכטע, עס איז א דראמאטישער און א צוציענדע געשיכטע אבער נאך וויכטיגער פון איר איז דער מעסעדזש וואס קומט ארויס פון איר - די כח פון דער איינצעלערווארט 'אמן'.**

**א קליינע ווארט אבער איר השפעה איז זייער גרויס און ווייטגרייכענד.**

**פאלגענד איז די מעשה - שמעי ותחי נפשכם!**

מערערע מאל ליינט מען איבער די אמאליגע בני עליה פון ירושלים אז אויך די פשוטע רוכלים און די סוחרים אין איר זענען געווען אויסגערופענע תלמידי חכמים, אז אויך אירע וואסער טרעגער זענען געווען קדושי עליון און אז די שוסטערס זענען געווען גאונים וקדושים און יראי ה'.

איינס פון די אמאליגע בני עליה אין ירושלים איז געווען דער ווייינגערטנער רבי מרדכי שמעון טעפעבערג זצ"ל דער גרינדער פון די בארימטע טעפעבערג וויין.

א פערזענליכער וויין פעלד האט רבי מרדכי שמעון געהאט אין די ירושלימער גאסן. אין דער זעלבער ארט וואו עס געפינט זיך


דער חסיד רבי מרדכי שמעון טעפערבערג ז"ל

היינט צוטאגס דער בארימטער חיי אדם גאס האט אמאל עקזיסטירט אויף איר א גרויסער פעלד וועלכע האט געדינט אלץ די פערזענליכע ווייינגארטן פון ר' מרדכי שמעון זצ"ל און פון אירע טרויבן האט ער געמאכט די געשמאקע און די בארימטע טעפעבערג וויין.

פון צופרי ביז ביינאכט איז ער געווען פארנומען צו מאכן וויין אבער זיין קאפ איז שטענדיג געלעגן אין העכער'ס, זיין מח האט געשוועבט אין העכערס און ווען ער האט געהאט א פרייע מינוט, האט ער עוסק געווען בתורה ובקדושה.

אן איינגעפירטער מנהג האט ער זיך געמאכט במשך די יארן. א שטיק צייט איידער ער פלעגט זיך ארויסלאזן דאווענען שחרית אין די 'מאה שערים' שטיבלעך האט ער אויסגענוצט די שטילע שעה'ן און איז ארויס אין די פעלדער און זיך דארט מתבודד געווען בינו לבין קונו.

דארטן צווישן די ביימער און די גראזן, כאפנדיג א גוטער לופטל האט רבי מרדכי שמעון געזאגט די ברכת התורה מיט א געלאסנקייט, א ברכה נאך א ברכה, לויבנדיג הקב"ה אויף אלע טוב וחסד, וואס ער האט געטון מיט זיי.

אין יענע אומגעגענט האט געוואוינט א חשובע פרוי, די רעביצין גוטפארב ע"ה, די באבע פון הגרי"ד גראסמאן שליט"א. אויך זי איז האט גע'שמ'ט אין ירושלים מיט אירע גוטע מעשים זייענדיג עוסק במעשי הצדקה.

זי, וויסנדיג פון דער מנהג וואס ר' מרדכי שמעון האט געמאכט און זוכנדיג אריינצוכאפן נאך און נאך מצות, האט זיך געמאכט א מנהג אויסצוהערן די ברכות פון ר' מרדכי שמעון ענטפערנדיג אויף זיי 'אמן' מיט די גרעסטע מאס כוונה.

טאג טעגליך האט זי אויסגערעכענט די צייט ווען ר' מרדכי שמעון האט געמאכט די ברכות און נאך דעם איז זי אריבער אין די שטיבלעך און פון די ווייבער שול האט זי מיט אירע ווייעדיגע פוס געשטאנען אויף זיי אויסהערנדיג נאך און נאך אמנ'ס אריינכאפנדיג נאך און נאך אוצרות אויף פון ברכה ושפע.

נאר נאך דעם האט זי אנגעהויבן די טאג און זיך אפגעגעבן מיט די מעשי החסד מיט וועלכע זי האט עוסק געווען כל ימיו זייענדיג בארימט אין אלע ירושלימער געסלעך מיט אירע מעשים טובים אז יעדער האט געוואוסט צו זאגן פון 'ליבא די גבאי'טע.

טאג טעגליך האט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבע סצענע, אויך יענעם טאג איז די באבע גוטפארב אויפגעשטאנען אין די זעלבע צייט און זיך ארויסגעלאזט אין די פעלד צו הערן די 'אמנ'ס אבער יענער טאג האט א שלעכטע פארגעפיל באהערשט איר הארץ, זי האט געהאט די הרגשה אז א סכנה הערשט אויף די 'פעלדער' אין די חיי אדם גאס.

א שרעק האט גענעסטעט אין איר הארץ אבער דאס האט איר נישט אפגעשראקן, מיט איר טעגליכע פלינקקייט איז זי ארויס צו די פעלד, נישט איידער זי כאפט א בליק וואס טוט זיך אפ אין פעלד.

א בליק ארויס דורך איר פענסטער וועלכע האט אראפגעקוקט גראד אין איר פעלד האט באשטעטיגט אז איר חשד האט א גרונט, העכער ר' מדרכי שמעון איז געשטאנען א צעווילדעוועטער אראבער, אין זיין האנט האט ער געהאלטן א שטארקער האק און געקנאקט מיט דעם אויף ר' מרדכי שמעון.

ר' מרדכי שמעון וועלכער איז אנידערגעפאלן אויף די ערד פון די גרויסע קלאפ איז געלעגן אויף די ערד הילפלאז, די איינציגסטע זאך וואס ער האט געקענט טון אין יענע מינוטן איז געווען אויסצושרייען 'שמע ישראל' זיך גרייטנדיג צו שיידן פון די וועלט אויף אייביג.

די צייט האט געברענט. זעענדיג די שטימונג און וויסנדיג די גרויסקייט פון די סכנה וואס עס הערשט אין יענע מינוטן האט זי אנגעהויבן לויפן אין ריכטונג פון די אראבער.

אירע אויגן האבן געוואנדערט אהין און אהער זוכנדיג עפעס זאכליך וואס צו קענעןווארפן אויפ'ן אראבער און אים צוטומלען. נישט טרעפנדיג וואס צו ווארטן האט זי אויסגעטון איר האלצערנע שיך און נאך איידער ער האט איר געקענט באמערקן האט זי אים דערלאנגט עטליכע זעצעס אין קאפ פון וואס ער איז אראפגעפאלן אויף די ערד א צושטורעמטער.

די אייזן וואס ער האט פריער געהאלטן אין זיין האנט איז געפאלן אויף זיינע פוס און אים שווער געמאכט זיך צוקענען צוריק ארענטירן און זיך קענען אויפהייבן.

"הער טעפעבערג מאכט פליטה". האט זי געשריגן מיט אלע כוחות.

אין סעקונדעס האט זיך טעפבערג אויפגעהויבן פון זיין ארט און אנגעהויבן אנטלויפן, זיין קאפ איז געווען גוט צובייילט אבער ער איז נישט געלאפן אין שטוב אדער צום דאקטאר זיך צו ערהוילן, אנשטאט דעם איז ער געלאפן אין שול אריין צום דאווענען.

דארט האט ער געבענטש 'גומל' און געדאנקט הקב"ה פאר די גרויסע נס וואס ער האט געהאט היינט צופרי אז ער איז ארויס לעבעדיג פון די אראבישע הענט.

ר' מרדכי שמעון איז ניצול געווארן פון א זיכערע טויט אין זכות פון די הייליגע ווארט:

א-מ-ן!

## תפילה אן קיין מנין איז ווי שחוטי חוץ

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם"** (א ב)

עס האט דערציילט דער מוכיח רבי משה כהנא מגיביטיש:

אמאל בין איך אנגעקומען צו א ווייטע דארף, דארט בין איך איינגעשטאנען ביי דער פרנס פון דעם דארף. דער פרנס האט מיר דערציילט אז ער איז אויך דער שוחט פון די שטאט.

צופרי, ווען איך בין אויפגעשטאנען, האב איך געוואלט גיין אין שול. איך האב זיך גערישט אז אויך דער פרנס וועט קומען מיט מיר אין שול אבער למעשה איז ער געבליבן אין שטוב, ער איז געווען פארנומען מיט שעכטן א בהמה.

איך האב באשלאסן אז איך גיי ווארטן ביז ווען ער וועט ענדיגן שעכטן די בהמה און דאן וועל איך גיין מיט אים אבער ער האט זיך ארויסגעדרייט פון מיר זאגנדיג אז ווען ער וועט ענדיגן מיט די בהמה וועט ער דאווענען אין שטוב.

וויסנדיג אז די מנין איז דער איינציגסטער מנין אין די שטאט און אז שפעטער וועט נישט זיין קיין מנין האב איך אים געזאגט אז אויב ער וועט נישט גיין אין שול נאר בודק זיין די בהמה ביים דאווענען וועט די בהמה זיין טריפה.

אויך די ווארענונג האט אים נישט באוואויגן.

ווען איך בין אהיימגעקומען פון דאווענען איז די פרוי פון דעם שוחט געווען זייער בייז אויף מיר, זי האט גע'טענה'ט אז וועגן מיר איז די בהמה געווארן טריפה. איך האב זיך נישט דערשראקן פון די טענה, איך האב איר געוויזן אז דאס איז מרומז אין די תורה, אז וואס עס איז געשען צו זיי איז מידה כנגד מידה.

מיר ווייסן אז די תפילות וואס א איד דאווענט איז קעגן די קרבנות. אזוי ווי ווען איינער איז מקריב א קרבן חוץ בית המקדש איז די קרבן "שחוטי חוץ" און זיין קרבן איז פסול ווי טריפה איז די זעלבע זאך אויך מיט דער וואס גייט נישט אין שול במזיד, אז זיין תפילה ווערט גערעכענט ווי טריפה און די בהמות וואס ער שעכט ווערט טריפה.

ער האט געברענגט א ראיה צו זיינע ווערטער פון די וואכענדיגע פרשה. עס שטייט אין פסוק "אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם" - דער ווארט "מִכֶּם" איז ראשי תיבות "מידה כנגד מידה" - עס איז א לימוד אז די כשרות פון די פלייש וואס א איד עסט איז מידה כנגד מידה - אז עס ווענדט זיך אין זיין ערליכקייט.

'דרך משה' [אמשטרדם תנ"ט] ליום ט'

## קיין איין תפילה - אפילו א שוואכע תפילה איז נישט קיין תפילות מום

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם"** (א ב)

א שיינער דרהער איבער די כח התפילה אויך היינטיגע צייטן וואס איז מרומז אין די תורה

**זאגט דער גאון רבי חיים יעקב באסקאוויטש:**

ער זאגט אז ווען מען וועט זיך מתבונן זיין אין די פסוק "אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם" וועט מען זען אז דער פסוק צעטיילט זיך אין צוויי חלקים. איין חלק איז דער חלק וואס גייט ארויף אויפ'ן מקריב - דער מענטש - די צווייטע טייל גייט ארויף אויף די זאך וואס מען איז מקריב - די בהמה - ווי עס איז דער לשון הפסוק "מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם".

די תוה"ק רעדט ארום איבער די הלכות וואס זענען נוגע דער מענטש און די בהמה אבער דא דערקענט זיך א חילוק צווישן דער מענטש און די בהמה. ווען עס קומט צו רעדן פון די בהמה רעדט די תורה פון דער 'כהן' וואס איז מקריב די קרבן און פון די בהמה וואס מען איז מקריב. די תוה"ק איז מדגיש דער "תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם" אז ביידע האבן אן ענליכער דין, אז ביי ביידע אויב עס איז דא א מום זענען זיי פסול. (זעה מער דערוועגן זבחים טז א).

אבער ווען די תורה רעדט פון דער קרבן הלב די תפילה איז יעדער כשר מקריב צו זיין א תפילה און אויך א בעל מום איז אייניג ווי א געזונטער מענטש, די תוה"ק מאכט נישט קיין חילוק.

מיט דעם איז חשובער די מעלה פון תפילה ווי א קרבן אז עס ווערט אייביג אנגענומען און מקובל מער ווי א קרבן. (ראה ברכות לב ב).

'תוצאות חיים' [אמשטרדם תקכ"ד]

## א גע'גזל'טע קרבן איז נישט ראוי פאר א קרבן

**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם"** (א ב)

רש"י איז מדייק דער לשון הפסוק, דער פסוק נוצט נישט די ווארט 'איש' כי יקריב, ער זאגט 'אדם' כי יקריב, מיט דעם וויל ער לאזן הערן אז דער מקריב איז געווען ווי 'אדם' און דאס גייט ארויף אויף אדם הראשון דער ערשטער מענטש אין די וועלט.

די פסוק וויל אונז אנזאגן אז אזוי ווי ווען אדם הראשון האט געלעבט איז נישט געווען קיין גזל אויף די וועלט ווייל עס איז נישט געווען פון וועמען צו גזל'ן זאל זיין ווען א מענטש איז מקריב א קרבן אויף די מזבח. זיין קרבן זאל זיין ווי אדם הראשון ריין פון גזל. דאס איז מרומז אין פסוק כי יקריב - ווען א מענטש איז מקריב א קרבן זאל עס זיין ווי אין די בחינה פון 'אדם' - אדם הראשון.

דער חפץ חיים ברענגט אראפ די רש"י און שטעלט זיך אויף דעם מיט א קשיא, לכאורה איז שווער פארוואס דארף מען צוקומען ביז אדם הראשון צו רעדן וועגן די איסור גזל מיר האבן דאך א בפירושע פסוק אין ישעיה (סא ח): "כִּי אֲנִי ה' אֹהֵב מִשְׁפָּט שֹׂנֵא גָזֵל בְּעוֹלָה"? אז הקב"ה איז א שונא גזל.

נאר געט ער צו פארשטיין אז ווען איך האב נאר די פסוק וואלט איך געוואוסט נאר אז ווען עס רעדט זיך פון גזל ממש אז עס איז א אסור אבער וואס איז דער דין ווען איינער געט אים געלט ווייל ער נארט זיך אין אים, ער מיינט אז ער איז אן אדם גדול און עס איז א מצוה אים מהנה צו זיין פון זיינע נכסים, אדער אויף אן אנדערע וועג.

ארויסצונעמען פון כלל יעדער סארט געלט דארף איך ברענגען א ראיה פון אדם הראשון. די אלע זאכן וואס איז שייך היינטיגע צייטן איז נישט געווען שייך ביי אדם הראשון און אויסצושליסן די אלע מעגליכקייטן מוז איך האבן אדם הראשון אויף א לימוד.

מיט דעם דערהער געט דער 'חפץ חיים' צו פארשטיין די תפילה וואס מיר זאגן יעדן טאג ביי ברכת המזון. מען בעט הקב"ה: "ונא אל תצריכנו... לא לידי מתנת בשר ודם... שלא נבוש ולא נכלם לעולם ועד".

לכאורה איז שווער וואס איז דער "שלא נבוש לעולם ועד" מילא דא אויף די וועלט קען זיין אז עס איז א בושה אבער לעולם הבא? דארט וועט מען דאך זען דער אמת? נאר לויט דער דערמאנטער דערהער אז עס קען אמאל זיין אז א איד זאל נהנה זיין פון א צווייטן אויך ווען עס קומט אים נישט און דאן וועט מען עס אים אראפרעכענען לעולם הבא און אויף דעם בעט הקב"ה אז ער זאל אונז העלפן אז מיר זאלן נישט אנקומען דערצו.

נאך א דערהער זאגט **דער אוזרובער רבי רבי משה יחיאל עפשטיין:**

ער זאגט אז מיט'ן צושטעל צו אדם הראשון שליסט מען אויס נאך א סארט גזילה וואס טרעפט זיך ביי דער מענטש. מיר ווייסן דאך אז הקב"ה איז מלא כל הארץ כבודו און אז אלעס געהער צו הקב"ה און מהאי טעמא דארף מען מאכן א ברכה אויף יעדע דבר מאכל איידער מען נעמט עס אין מויל אריין ווי חז"ל זאגן [ברכות לה. ב] "כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאילו גוזל".

מען רעדט פון די סארט גזל אז דער מקריב דער קרבן דארף ערשט אנערקענען אז עס איז דא א בעל הבית אויף די וועלט, אז אלעס געהער צו אים.

א רמז דערצו איז דא אין די ווערטער "יקריב קרבן" אז עס באטרעפט הונדערט כמנין "מאה ברכות" און דאס איז מרמז דער געדאנק אז ערשט דארף א איד אנערקענען אז אלעס קומט פון הקב"ה און נאר דאן קען ער זוכה זיין אז זיין קרבן זאל ווערן נתרצה.

מיט דער געדאנק קען מען פארשטיין דער לשון וואס מען זאגט ביי נעילה יום כיפור. כידוע בעט מען דארט אויף גזל און דער לשון וואס מען נוצט איז: "ותתן לנו ה' אלהינו באהבה את יום הכפורים הזה, קץ ומחילה וסליחה לכל עוונותינו, למען נחדל מעושק ידינו ונשוב לעשות חוקי רצונך בלבב שלם".

ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער ווערט שווער - עס קומט אויס אז די גאנצע תכלית פון די מצות התשובה איז "למען נחדל מעושק ידינו"? אבער ווי געשמועסט מיינט נישט דער 'גזל' אזא סארט גזל פון גזילה ממש נאר פון אזא סארט גזילה אז מען פארגעסט אז הקב"ה פירט אלעס און מען בעט אז מען זאל אנקומען צו די שלימות - ווייל אנע דעם איז עס ווי מען איז נהנה חלילה "מעושק ידינו".

'לב אליהו' - בראשית עמ' ריא; 'באר משה'

# דער הייליגער 'בית יוסף'

## י"ג בניסן של"ה



דער בית הכנסת פון דער בית יוסף אין די שטאט צפת

דער הייליגער צדיק דער בית יוסף מרן רבי יוסף קארו און דער מחבר פון דער 'שולחן ערוך' איז געבוירן געווארן אין שפאניע אין יאר רמ"ח צו זיין פאטער רבי אפרים. אין די סדר הדורות איז מקובל אז דער בית יוסף איז די ערשטע פון די תקופות האחרונים און פון אים הייבט זיך אן די נייע עפאכע.

דער בית יוסף איז געבוירן אין שפאניע און אין זיינערצייט איז געווען די גירוש. אין די עלטער פון פיר יאר האט ער אויסגעוואנדערט פון שפאניע און זיך באזעצט אין שטעט אינדרויסן פון שפאניע.

נאך די פטירה פון זיין פאטער איז ער אריבער וואוינען אין די שטוב פון זיין פעטער רבי יצחק קארו דער בעל ה'תולדות יצחק' וועלכער האט געוואוינט אין די שטאט קושטא - היינט אינסטאנבול.

נאך זיין חתונה האט ער זיך געצויגן צו די טערקישע שטאט אדירנאפאל. דארטן האט ער אנגעהויבן שרייבן זיין גרויסער חיבור 'בית יוסף' אויף'ן סדר פון די 'ארבעה טורים'. נאך דעם וואס ער האט פארלוירן זיין פרוי און חתונה געהאט נאך אמאל איז ער אריבער וואוינען אין די שטאט ניקאפאל אין בולגאריע. דארטן האט ער געוואוינט דרייצן יאר און נאך דעם איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין איר. אין ארץ ישראל האט ער זיך באזעצט אין די שטאט צפת. אין די שטאט צפת האט ער געלערנט תורה פון זיין רבי יעקב בירב. ווען רבי יעקב בירב האט מחדש געווען די "סמיכה" איז דער בית יוסף געווען פון די ערשטע צו ווערן נסמך דורך אים.

פאר גאנצע צוואנציג יאר האט ער זיך געפלאגט אויף דער הייליגער ספר 'בית יוסף'. דער ספר איז געשריבן געווארן אלץ א ביאור אויף די 'ארבעה טורים' וועלכע עס האט געשריבן רבי יעקב דער זון פון די רא"ש. אין די ספר איז דא אסאך טיפע ענינים און הלכה'דיגע שמועסן וועלכע נעמט ארום אלע סוגיות בהלכה.

שפעטער האט ער געשריבן די 'שלחן ערוך' וועלכע נעמט צוזאם אלע הלכות אין איין ארט און ברענגט אראפ פאר די ליינער די הלכה פסוקה.

זכה דער הייליגער בית יוסף האט זוכה געווען אז זיין חיבור איז נתקבל געווארן אין גאנץ כלל ישראל און נאך ביז היינט איז דאס א יסוד ספר פאר גאנץ כלל ישראל.

אויסערדעם האט דער בית יוסף אויך געמאכט דער ספר 'כסף משנה' א חיבור אויף די משנה תורה להרמב"ם און נאך זיין פטירה איז ארויס לאור עולם די ספר 'מגיד מישרים' וועלכע איז א סעריע פון מאמרים וואס ער האט געהערט פון א מלאך וואס האט אים איבערגעגעבן סתרי תורה פון יענע וועלט.

דער בית יוסף האט זוכה געווען צו א שיבה טובה, ער איז אוועק אין די עלטער פון 87 יאר און מען האט אים געלייגט אויף דער אלטער בית החיים אין צפת.

## פאלגענד איז עטליכע פון זיינע פסקים אין שלחן ערוך בנוגע די אמן'ס:

## זאגן ברכת השחר בחברותא

פאלגענד איז דער לשון פון בית יוסף בנוגע מאכן די ברכת השחר בחברותא:

"יש נוהגים שאחר שבירך אחד ברכות השחר וענו אחריו אמן, חוזר אחד מהעונים אמן ומברך ועונים אחריו אמן, וכסדר הזה עושים כל אותם שענו אמן תחלה. ואין לערער עליהם ולומר שכבר יצאו באמן שענו תחלה, מפני שהמברך אינו מכוין להוציא אחרים, ואפילו אם היה המברך מכוין להוציא אחרים, הם מכונים שלא לצאת בברכתו" (או"ח ו ד).

## אינזיינען האבן ביי קדיש

"יש לכוין בעניית הקדיש, ולענות אותו בקול רם ולהשתדל לרוץ כדי לשמוע קדיש" (שם נו א).

## די חיוב פון ענייית אמן

"השומע אחד מישראל מברך אחת מכל הברכות, אף על פי שלא שמע כולה מתחלתה ועד סופה, אף על פי שאינו חייב באותה ברכה, חייב לענות אחריו אמן" (שם רטו ב).

## די כוונה פון ענייית אמן

"ויענו אמן אחר כל ברכה [בחזרת הש"ץ] בין אותם שיצאו ידי תפלה בין אותם שלא יצאו, ובכוונה שיכון בלבו: אמת היא הברכה שבירך המברך, ואני מאמין בזה" (שם קכד ו).

•

## ענייית אמן איז א הילף פאר די מתים און פאר די לעבעדיגע

די פאלגענדע מעשה האט זיך אפגעשפילט אין די ישיבה פון דער הייליגער בית יוסף אין צפת און לערנט אונז אויס די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן.

די פאלגענדע געשיכטע ווערט דערציילט אין ספר 'אהבת חיים' פרשת חיי שרה דורך דער חכם מנחם משה:

דער הייליגער בית יוסף האט געהאט א ישיבה אין די שטאט צפת, אין די ישיבה האבן געלערנט בערך צוויי הונדערט רבנים מגדולי תורה. אמאל האט מען געמאכט א סיום מסכתא אין די ישיבה און דער אר"י הק' וועלכער האט געוואוינט אין צפת איז געקומען צוגיין צו די סעודה. ביי די סעודה האט דער בית יוסף אנגעגרייט עטליכע מיני טעימה און די כוונה איז געווען מכבד צו זיין אלע אידן מיט אלע ערליי ברכות.

ווען דער אר"י הק' האט דאס געזען האט ער געבעטן פון דעם בית יוסף צי ער קען מכבד זיין די אידן מיט'ן מאכן א ברכה. דער בית יוסף האט פארשטאנען אז ניש אומזינסט בעט דער אר"י הק' אזא בקשה, ער האט אים נאכגעגעבן די בקשה און זיך צוגעקוקט זייטיג וואס דא גייט געשען.

דער אר"י הק' האט מכבד געווען די אידן מיט די ברכות. מען האט געמאכט די ברכות, דער ציבור האט געענטפערט 'אמן' אבער פלוצלונג האט דער בית יוסף געזען ווי פאר צוויי פון די אידן איז דער אר"י הק' ניש מכבד. די אידן האבן אויסגעזען נשואי פנים און דער בית יוסף האט זיך זייער געוואונדערט דערויף.

ער האט געפרעגט דער אר"י הק' האט ער אים ערקלערט אז די צוויי אידן זענען געווען נשמות פון דעם עולם האמת און זיי זענען אראפגעקומען משלים צו זיין די שפע וואס זיי האבן פארפעלט אראפצוברענגען בחייו.

יעצט אז זיי האבן געהערט די 'ברכות' און די 'אמן'ס האבן זיי משלים געווען די שפע.

האט דער אר"י הק' אויסגעפירט אז אזוי גרויס איז די זכות פון 'אמן' אז עס העלפט אראפצוברענגען די שפע וברכה אויף די וועלט און ברענגט אויך א תיקון אויף יענע וועלט. (אהבת חיים' חיי שרה)